42 און וועלן זיי וואַרפֿן אין דעם אויוון פֿון פֿייער
אַריין; דאָרטן וועט זיין דאָס קלאָגן און קריצן מיט
43 די ציין. דעמאָלט וועלן די צדיקים לויכטן ווי די
זון אין דעם קעניגרייך פֿון זייער פֿאָטער. ווער
עס האָט אויערן, דער זאָל הערן.
44 דאָס מלכות־השמים איז גלייך צו אַ פֿאַרבאָרגענעם
אוצר אין אַ פֿעלד; וואָס אַ מענטש האָט געפֿונען,
און פֿאַרבאָרגן; און פֿאַר פֿרייד גייט ער און פֿאַר־
קויפֿט אַלץ, וואָס ער האָט, און קויפֿט יענץ פֿעלד.
45 ווידער איז דאָס מלכות־השמים גלייך צו אַ
46 סוחר, וואָס זוכט שיינע פּערל. און ווען ער האָט
געפֿונען איינע, אַ זייער טייערע פּערל, איז ער
געגאַנגען און פֿאַרקויפֿט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט,
און האָט די געקויפֿט.
47 ווידער איז דאָס מלכות־השמים גלייך צו אַ נעץ,
וואָס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין ים אַריין, און
48 וואָס פֿאַנגט פֿון אַלע מינים. וואָס, ווען זי איז
געוואָרן פֿול, האָט מען זי אַרויסגעצויגן אויפֿן
ברעג, און מען האָט זיך אַנידערגעזעצט, און
געזאַמלט די גוטע מינים אין געפֿעסן אַריין, די
49 שלעכטע אָבער האָט מען אַוועקגעוואָרפֿן. אַט אַזוי
וועט עס זיין בײַם קץ פֿון דער וועלט. די מלאכים
וועלן אַרויסגיין, און וועלן אָפּשיידן די רשעים פֿון
50 צווישן די צדיקים, און זיי וואַרפֿן אין דעם אויוון
פֿון פֿייער אַריין. דאָרטן וועט זיין דאָס קלאָגן און
קריצן מיט די ציין.
51 האָט איר דאָס אַלץ פֿאַרשטאַנען? זאָגן זיי צו
52 אים: יאָ! און ער האָט צו זיי געזאָגט: דערפֿאַר
איז יעדער אייבער סופֿר, וואָס איז געלערנט צום
מלכות־השמים, גלייך צו אַ מענטשן אַ בעל־הבית,
וואָס ברענגט אַרויס פֿון זיין אוצר נייע און אַלטע זאַכן.